ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# צעטיל קטן

## לשון הקודש ואידיש

603

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ט לפ"ק

בעזהשי"ת

# ספר

# צעטיל קטן

## מרבינו הקדוש רבי אלימלך מלאזיענסק זצוקללה"ה

בלשון הקודש ואידיש

❖

**נדפס בספר הקדוש ואמרו אמן חלק שני, וז"ל:**
**אעתיק אותו גם על זארגאן כמו שהוא ציוה בהצעטיל קטן הזה**
**אות יו"ד שיפרש כל תיבה ותיבה בלשון אשכנז.**

❖

יוצא לאור על ידי

ישיבה וכלל בית ישעי' מכון להוראה בשחיטות ובדיקות

פה ברוקלין יצ"ו

אלה הדברים אשר יעשה אותם האדם וחי בהם

עז) **א** בכל עת ורגע שהוא פנוי מן התורה ובפרט שהוא יושב בטל לבדו בחדר או שוכב על מטתו ואינו יכול לישן יהיה מתרהר במצות עשה זו של ונקדשתי בתוך בני ישראל וידמה בנפשו ויצייר במחשבתו כאלו אש גדול ונורא בוער לפניו עד לב השמים והוא בשביל קדושת השי״ת שובר את טבעו ומפיל א״ע להאש על קידוש השי״ת ומחשבה טובה הקב״ה מצרפה למעשה ונמצא שאינו שוכב ויושב בטל רק מקיים מצות עשה דאורייתא:

**ב** בפסוק א׳ של ק״ש וברכה ראשונה של שמונה עשרה יהרהר כנ״ל ועוד יכוין אם יענו אותו כל אות בכל עינוים קשים ויפשטו עורו מבשרו להכחיש ח״ו ביחודו יסבול כל תיסורים ולא יודה להם ח״ו ויצייר בדעתו ומחשבתו כאלו עושין לו כנ״ל ובזה יצא ידי חיוב ק״ש ותפלה כדין:

---

אֵלֶה הַדְּבָרִים דָאס אִיז דִי דָאזִיגֶע זַאכֶען וָואס דֶער מֶענְטְשׁ זָאל וִוי טָאהְן אַז עֶר זָאל הָאבֶּין אַ גִיטְ׳ן אֵייבִּיגֶען לֶעבִּין.

עז) א אִין יֶעדִין מִינוּט פוּן יֶעדִין צַייט וָואס עֶר אִיז לֶעדִיג פוּן דֶער תּוֹרָה וּבִפְרָט וָוען עֶר זִיצְט לֵיידִיג אַלֵיין בַּא זִיךְ אִין חֶדֶר אָדֶער עֶר לִיגְט אוֹיף זַיין בֶּעט אִין עֶר קֶען נִיט שְׁלָאפִין זָאל עֶר טְרַאכְטֶען אִין דֶער מִצְוַת עֲשֵׂה פוּן: וְנִקְדַּשְׁתִּי בְּתוֹךְ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל דֶער פְּשָׁט פוּן דֶעם אִיז: אִיךְ זָאל גֶיהֵיילִיגְט וֶוערִין בַּא דִי יוּדִין אַז עֶר זָאל זִיךְ פָארְשְׁטֶעלִין בַּיי זִיךְ אִין גֶידַאנְק אוֹיף וִוי אַ גְרוֹיסֶער פָאכְטִיגֶער פַייעֶר וָואס בְּרֶענְט פַאר אִיהְם בִּיז אִין הִימֶעל אִין מֶען גֵייט עֶהם שְׁלֶעכְטֶעס צוּ טָהְן צוּ לִיבּ דִי קְדוּשָׁה פוּן בּוֹרֵא עוֹלָם בְּרֶעכְט עֶר זַיין נַאטוּר אִין וַוארְפְט זִיךְ אַרַיין אִין פַייעֶר אַרַיין אוֹיף קִידּוּשׁ הַשֵּׁם, אִין אַגוּטֶער מַחְשָׁבָה בַּאהֶעפְט זִי הקב״ה צוּ אַ מַעֲשֶׂה קוּמְט אוֹיס אַז עֶר לִיגְט נִיט אָדֶער עֶר זִיצְט נִיט לֵיידִיג נָאר עֶר אִיז מְקַיֵּים אַ מִצְוַת עֲשֵׂה פוּן דֶער תּוֹרָה:

ב אִין דֶעם עֶרְשְׁטִין פָּסוּק פוּן קְרִיאַת שְׁמַע אִין אוֹיךְ אוּן עֶרְשְׁטֶער בְּרָכָה פוּן שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה זָאל עֶר טְרַאכְטֶען וָואס ס׳שְׁטֵייט אוֹיבְ׳ן. אוֹיךְ זָאל עֶר אִין זִינֶען הָאבֶּען אֲפִילוּ אַלֶע אוּמוֹת פוּן דֶער וֶועלְט וֶועלִין עֶם פַּייְנִיגֶען מִיט שְׁוֶוערֶען פֵּיין אֲפִילוּ וִוי וֶועלִין אַרָאפּ צִיעֶן פוּן אִיהְם זַיין הוֹיט עֶר זָאל ח״ו לֵייקֶענֶען אִין דֶעם בּוֹרֵא עוֹלָם זָאל עֶר לַיידֶען אַלֶע יִסוּרִים אוּן עֶר זָאל זֵייא ח״ו נִיט מוֹדֶה זַיין אוּן זָאל זִיךְ פָאר שְׁטֶעלִין אִין גִידַאנְק גְלַייךְ וִוי מֶען וָואלְט

עם

ג גם בשעת אכילה וזיווג יכוין כנ"ל וכשיתחיל להרגיש תענוג גשמי יצייר במחשבתו כנ"ל ותיכף ומיד יאמר בפיו ובלבבו שיותר היה לו תענוג ושמחה בעשיית מ"ע של ונקדשתי באופן הנ"ל מהרגשת תענוג גשמי הזה שהוא מהצרעת משכא דחויא וכך יאמר וראיה לדבר שיותר היה לו תענוג ושמחה בעשיית מ"ע של ונקדשתי באופן הנ"ל שאפילו היו חוטפין אותו רוצחים באמצע אכילה וזיווג לעשות לו העינוים קשים הייתי משמח א"ע על קידוש השי' יותר מתענוג גשמי הזה. אך יזהר שיהי' דבור באמת בלבבו ושיהי' אז בשעת מעשה תקוע על לוח לבו בתוכיות ובפנימיות הלב באמת גמור ולא ישטה א"ע להיות כגונב דעת עליונה ח"ו:

בכל הדברים שבעולם הן בתורה הן בתפלה הן במצות מעשיות ירגיל

---

עס אזוי טאהן אין מיט דעם וועט ער יוצא זיין ועם חיוב פון קריאת שמע און תפלה אזוי ווי עס דארף זיין:

ג אויך ווען ער עסט, און ווען ער איז זיך מזדווג זאל ער אין זינען האבען ווי ם שטייט אויבין, און ווען ער וועט אן הויבען צו פילין א תענוג גשמי זאל ער זיך פארשטעלין אין גידאנק ווי עס ווערט פריער דער מאנט, און תיכף אויפ'ן ארט זאל ער זאגין מיט זיין מויל און מיט זיין גאנצין הארץ אז פיהל מעהר תענוג און שמחה וואלט ער האבען פון טאהן דער מצוה פון ונקדשתי אויפ'ן פריערדיגען אופן ווי פון דעם וואס ער פילט דעם תענוג גשמי, וואס דאס איז דער צרעת פון די קליפה און ער זאל אזוי זאגען אז א ראיה צו דעם איז אז מעהר תענוג און שמחה וואלט ער האבין פון דער מצוה: ונקדשתי אויף דעם אופן וואס שטייט אויבין דער מאנט אז אפילו רוצחים וואלטין עס גיכאפט אין מיט'ן עסין אדער אין מיט'ן זיווג עם צו פייניגען מיט שווערע עינוים ער זאל לייקענען אין דעם הייליגען באשעפער וואלט ער זיך גיפרייט אויף דעם קידוש השם מעהר ווי פון דעם דאזיגען תענוג גשמי, נאר ער זאל נזהר זיין אז ער זאל רעדין דאס באמת בא זיך אין הארצין און דאס זאל זיין טאקע בשעת מעשה ווען ער טוט די מעשה פון הנאת הגשמי אריין צו נעמין טיף אין הארץ מיט א גאנצין אמת, ער זאל זיך אליין ניט אפ נארין און מיינען אז ער נארט אפ דעם עוילם ח"ו:

ד אין אלע זאכען פון דער וועלט סיי אין תורה אין תפלה אדער אין אנדערע מצות עשה זאל ער זיך איין גיוויינען זאגין מיט דעם לשון: לשם יחוד

א״ע לומר בזה הלשון הריני עושה זאת לשם יחוד קוב״ה ושכינתיה לעשות נחת רוח להבורא ית״ש וירגיל א״ע לומר זאת בתוכיות ופנימיות הלב ובהמשך הזמן ירגיש הארה גדולה באמירה זו:

ה כשיתחיל להתעורר בו מדה רעה ח״ו ממדות רעות שהוא רגיל בהם כגון עקשנות ובושת של גאוה ועצלות ובטלה המביאות לידי שיעמום וכיוצא בהם יאמר תיכף ומיד בזה הלשון ובכל כחו הכנעני החתי האמורי הפריזי החווי והיבוסי והגרגשי וינצל. וירגיל א״ע לצמצם ראייתו שלא להסתכל חוץ לד׳ אמות אפי׳ בהיותו בביתו ובפרט בבה״כ ובחדר שלומד בדרך הילוכו בחוץ ובהזדמן לפניו אשה אפי׳ אשתו ובניו הקטנים וכיוצא יצייר לפני עיניו השם אדנ״י:

ו כשיבא לו ח״ו מחשבה רעה מניאוף יאמר כמה פעמים ונשמרת מכל דבר רע ויהרהר אז בדרשות חז״ל שדרשו עליו שלא יהרהר אדם ביום

---

קודשא בריך הוא ושכינתיה, צו מאהן א נחת רוח פאר דעם באשעפר ית״ש און דאס זאל ער זיך איינגיוויינען צוזאגין בא זיך טיף אין הארץ און מיט דער צייט וועט ער פילין אגרויסע ליכטיקייט וואס וועט ארויין שיינען אין איהם מיט דעם זאגין לשם יחוד כנ״ל:

ה ווען עס וועט זיך אן הויבין דער וועקין אין איהם א שלעכטע מדה ח״ו פון די שלעכטע מדות וואס ער איז איינגיוויינט אין זיי דהיינו, עקשנות, אדער ער שעמט זיך צו א מצוה פון גאוה, אדער פוילקייט, אדער ליידיג גיין, וואס דאס ברייננט צו גימיינקייט אין נאך אזעלכע שלעכטע מדות זאל ער תיכף אויפ׳ן ארט זאגין מיט דעם לשון און מיט זיין גאנצין כח: הכנעני החתי האמורי הפריזי החוי והיבוסי והגרגשי, וועט ער ווערין אפ גיראטיוועט פון שלעכטס. און ער זאל זיך גיוויינען ער זאל מצמצם זיין דאס קוקען פון זיינע אויגין ער זאל ניט היקען חוץ די פיהר איילין אפילו ווען ער איז אין זיין שטוב ובפרט ווען ער איז אין שוהל אין ווען ס׳קומט פאר עס א אשה אפילו זיין איינגינע אשה אין זיינע קליינע קינדער וואס מען האט זיי ליב זאל ער זיך פאר שטעלין פאר זיינע אויגין דעם שם אדנ״י:

ו ווען עס קומט פאר עס ח״ו א מחשבה רעה פון ניאוף זאל ער זאגין דעם פסוק ונשמרת מכל דבר רע די זאלסט דיך אפ היטין פון אלע שלעכטס, דרשינט דיא היילינע גמרא אז דער מענש זאל ניט טראכטין ביי טאג היין

שלעכטין

ויבא לידי קרי בלילה ולא יניח ח"ו לשהות המחשבה רעה במוחו שלא לטמאות שכל העליון ח"ו:

ז פד) כשיבוא ח"ו לידו בהזדמנות כנגדו הסתכלות רעה ח"ו כגון בחמה וחיה או עוף שנזקקין זה לזה או טפה מגולה באשה במקום ערוה או בצורת אשתו נדה*) וכיוצא בהן יאמר תיכף ומיד הפסוק ולא תתורו אחרי לבבכם ולא יטמא את שכלו ח"ו:

*) הערת המחבר וא"א

ואע"פ שבשו"ע יו"ד סי' קצ"ה איתא שמותר להסתכל באשתו נדה, אין זה סתירה למ"ש אא"ז הצה"ק זי"ע, דיש הרבה דברים המותרים מצד הדין, ובכ"ז אסורים הם מצד ישראל קדושים, צריכים לנהוג קדושה בעצמם, ועדש"כ הרמב"ן הקדוש ריש פרשת קדושים, שעל כגון זו באה מצות והתקדשתם והייתם קדושים, שלא יהי' ח"ו נבל ברשות התורה. וגדולה מזו מצינו במה שמפורש בש"ס (שבת מ"א) ושו"ע (או"ח סי' פ"ה) דדברים של חול מותר לאמרם בלה"ק במבואות המטונפות, ועכ"ז כתב ע"ז המג"א שם, דמדת חסידות הוא להחמיר, וכ"ש כאן, דאף שאין איסור הסתכלות באשתו נדה, דלא חשיד עליה, משום דיש לו בה היתר לאחר זמן, מ"מ עצם הראיה וההסתכלות באשתו נדה פוגם בנפשו, וכמ"ש הרמב"ן (סדר ויצא) על פסוק ואל יחר לאדוני וגו' וז"ל: והנכון בעיני וכו' שכן שמן נדות לרחוקן וכו' שהבלן מזיק וגם מבטן מוליד גנאי ועושה רושם רע וכמו שהזכירו רז"ל בברייתא דמס' נדה ר' נחמי' אומר אפילו הדבור שיוצא מפנה הוא טמא, א"ר יוחנן אסור לאדם להלך אחר הנדה ולדרוס את עפרה שהוא טמא כמת וכו' ולכך אמרה רחל דרך נשים לי כו' ולא הדרוך עפר רגלי, ולא ענה אותה, כי לא היו מספרים עמהם כלל מפני שדבורה טמא. עכ"ל של הרמב"ן הקדוש זצוקללה"ה. ועמש"כ

שלעכטין געדאנק ער זאל ניט קומען צו טומאת קרי באנאכט. און ער זאל ניט לאזין זאהמען די שלעכטי מחשבה אין זייגע געהירים ח"ו ער זאל ניטשט מטמא זיין דעם שכל וואס השי"ת האט עהם געגעבען:

ז ווען ס'קומט עהם פאר א שלעכט זעהעכטס וואס מען טאר ניט זעהן דהיינו אז ער דער זעהט ווען א בהמה אדער א עוף ווען זיי באהעפטין זיך אדער א טפח וואס איז אויף געדעקט ביי א אשה וואס דאס האט דעם דין ווי א ערוה אדער די צורה פון זיין ווייב ווען זי איז א נדה און דעם גלייכין, זאל ער תיכף זאגין דעם פסוק ולא תתורו אחרי לבבכם איהר זאלט ניט נאך גיין נאך אייער הארץ איר זאלט ניט לאזין דעם שלעכטען געדאנק אין הארצין. אז ער זאל ניט מטמא זיין דעם געדאנק ח"ו:

ח ירגיל את עצמו שלא יתחיל לדבר לשום אדם זולת לצורך גדול ההכרח לו ואף ההכרח ידבר בדברים קצרים מאוד מנופה בי"ג נפה שלא יהיה בדיבורו שום שקר ח"ו ושום חנופה ושום לשה"ר ורכילות ושום הלבנת פנים ולא שום תראות מעשיו לבני אדם וירגיל א"ע בכלל שאמרו

הערה

בקב הישר פ"ב אות י"א וז"ל: אם בן אדם רואה בראיותיו בריות טמאות אז הוא ממשיך עליו רוח הטומאה וכו' ולכן הזהירו חז"ל שלא להסתכל באשתו נדה כי טומאת הנדה החופף על האשה בימי נדתה, ע"י הראיות הוא שואב אותה הזוהמא ומדבק הטומאה בעיניו ר"ל, והראיה לזה שכיון שאשה נדה מסתכלת במראה עושה ראיתה במראה רושם שאי אפשר להעבירו. עכ"ל. ובס' זכירה כתוב סכנה להביט באשה נדה וכן מצינו כשהאשה בתחלת נדתה וראתה וכו' במראה שקורין שפיגעל יראה כמו טפת דם, וי"א דיזהר מלילך בעקבה שהיא דורסת בו, עכ"ל. וז"ל הגה"ח חיד"א זצ"ל בעבודת הקדוש, בהמורה באצבע סי' ק"ט, שחוק וקלות ראש בכל מקום ובכל זמן אסורים, כי מעביר מורא שמים מעליו וסימן מדבר שקר תרחק, שק"ר ר"ש שקר קלות ראש ואפילו עם אשתו אמרו שאפילו על שיחה קלה שבינו לבינה עתיד לתן את הדין ומה גם אם היא נדה, כי אפילו להסתכל בפנים כתבו חז"ל שירחיק עצמו וכן מלדבר עמה וסימנך נאלמתי דומיה החשיתי ר"ת נדה. ע"כ לשונו. ועד"ז איתא גם בראשית חכמה פ"ג משער הקדושה וז"ל: ומכאן ידין היר"ש למעט הדבור באשה בכל האפשר ובפרט באשתו נדה וכו' נאלמתי דומיה החשיתי ר"ת נדה להורות שצריך למעט הדבור בה ביותר כו' וכן מלהסתכל בה כי בעברו על אחת מכל אלה מושך כח הטומאה אשר באשתו עליו ואפשר שיטמאוהו, עכ"ל שם, ובפ"ח שם הביא בשם ספר חסידים שהמסתכל באשתו נדה וכן המסתכל בפני הכועס משכח תלמודו, ודברי חכמה הם וא"צ חזוק, עכ"ל. והרי כל זה עולה בשיטתו של אא"ז הצוה"ק שכתב שצריך לתקן תיכף את עצמו באמרו: ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם ולא יטמא את שכלו ח"ו.

ואנא עובדא ידענא, מה שהיה אצל הגאון הצדיק ר' יוסף בער זצ"ל אבדק"ק בריסק, שפעם אחת בא לפניו חסיד אחד, אחר שחגג את חג השבועות אצל הרה"ק אדמו"ר

---

ח ער זאל זיך איין געוואוינען ער זאל ניט אן הויבען צו רעדין צו קיין מענשין נאר סיידין ווען ער איז שטארק נויט באדערפטיג, אין דאס וואס ער איז שטארק נויט באדערפטיג זאל ער רעדין בקיצור אז דאס זאל זיין געזיפט מיט 13 זיפין אז עס זאל ניט זיין אין זיינע רייד קיין שום שקר ח"ו און קיין שום חנופה און לשון הרע און רכילות און קיין שום פאר שעמען דעם צווייטען, און ניט אויסין זיין צו ווייזין פאר מענטשין זייגע מעשים און ער זאל זיך איינ

חז"ל למוד לשונך לומר איני יודע. כשמדברין אליו ב"א אשר אין נזהרים מלדבר דברים בטלים ישמיט א"ע מהם בכל כחו ובכל מיני תחבולות וכשלא אפשר לו להשמט מהם בשום אופן עכ"פ יקצר מאוד בזה שמוכרח לחשיב להם:

הערה

ר' אברהם מסלאנים זצ"ל בעל יסוד העבודה, ושאל אותו הגאבד"ק בריסק מה למדת אצל רבך בחג הקדוש הזה, והשיב החסיד, שלאחר סעודת יו"ט אמר הרה"ק לקהל חסידיו, בהתלהבות עצומה, כדרכו בקדש: יודען וואס מען טאהר נישט, טאהר מען דאך נישט, און וואס מען מעג הייל זיך נישט. וכל אדם צריך לזכור תמיד מה שציוה השי"ת בתורתו הקדושה פן תשכח את ה' אלקיך, ממילא איז בשעת אכילה ושתיה איז עסין נישט פרעסין, טרינקען נישט זויפין, וגם בשעת תשה"מ צריך שלא ישכח גם אז את ה' אלקיו, ויתנהג בקדושה, וכמו שנאמר שויתי ה' לנגדי תמיד, וכמש"נ הלא את השמים ואת הארץ אני מלא, כדאיתא בש"ע או"ח בהגהות רמ"א סי' א' סעי' י"א וכמ"ש בספר בית אהרן בשם ר' אהרן הגדול זצ"ל עד מתי אתם פוסחים על שני הסעיפים, היינו על סעיף א' מסימן א' הנ"ל, לקיים שויתי ה' לנגדי תמיד, ועל סעיף א' דסי' רל"א, לקיים בכל דרכיך דעהו, שכל מעשיו יהיו לשם שמים. עד כאן תשובת החסיד, וכששמע הגאבד"ק בריסק דברים אלה נתרגש מאד ואמר לו לאותו חסיד: א"כ הרבה מאד למדת מרבך וכדאי לנסוע להצדיק הקדוש הזה לשמוע דברים קדושים כאלה — ודי בהערה זו.

ועי' ב"ב ט"ז מאי דאמר רבא עפרא לפומא דאיוב מה דעל איתתא דידי' אסתכל ובאברהם אבינו אפילו באתתא דידי' לא אסתכל, ובשבת דנ"ג מעשה באדם אחד שנשא אשה גדמית ולא הכיר בה עד יום מותו, וא"ר חייא כמה צנוע אדם זה, וראה, שלא אמרו שם מעשה בחסיד אחד אלא באדם אחד, וקראוהו צנוע, הרי שממדת צניעות היא זו, שלגודל קדושת ישראל, וכפי שהיתה נהוגה בקדמוני אומתנו הקדושה, אפילו בנשותיהם לא הסתכלו, וכ"ש וק"ו שיזהר מהסתכלות בה בימי נדותה וטומאתה, דלא יסתאב גרמי' בסאבותא דנדה, כנ"ל. ויתקדש בקדושתו של מקום ב"ה, ויקיים ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם, כמש"כ העבר עיני מראות שוא בדרכך חייני, לב טהור ברא לי אלקים ורוח נכון חדש בקרבי.

---

גיוויינען מיט דעם כלל וואס די חז"ל האבין גיזאגט: די זאלסט לערנין דיין צונג צו זאגין: איך ווייס נישט. ווען עס רעדין צו עם אזעלכע מענטשין וואס זענען נישט אפ גיהיט פון צו רעדין דברים בטלים זאל ער זיך זעהן ארויס רוקען פון זיי מיט זיין גאנצין כח און מיט אלע עצות ותחבולות. און ווען ער קען זיך נישט ארויס דרייען פון זיי בשום אופן זאל ער עכ"פ זייער מקצר זיין דאס וואס ער איז גישפארט זיי צו ענטפערין:

ער

ט ירגיל את עצמו תיכף ומיד שיתעורר משנתו יאמר מודה אני לפניך מלך חי וקים שהחזרת בי נשמתי בחמלה רבה אמונתך ויאמר אפילו בלשון אשכנז בלב שמח ברוך אל עליון אשר נתן לי מצות ציצית אלה אשר אני מסובב בהן ומצות נטילת ידים שחרית להעביר רוח רעה והקליפה הקשה מעל שתי ידים שלי ויראה שיהי' לבו מלא שמחה באמרו כנ"ל ויקבל עליו הגדר של מיעוט הדיבור הנזכר לעיל סי' ח':

י יזהר מאוד בהתמדת הלימוד שעורין כסדרן תיכף ומיד אחר קומו משינתו ואחר אמרו תיקון חצות, והצעטיל קטן לא יזוז מהספר שלומד בו אפילו שעה א' בכל פעם שיישב א"ע ללמוד ואחר שיאמר תפלת השב המתחיל אנא השם וכו' ותפלת התלמוד תורה בשערי ציון המתחיל הנני רוצה ללמוד יראה בכל כחו שלא לעשות שום הפסק אפילו במחשבה אחרת זולת מחשבת הלימוד ומחשבת הצעטיל קטן שהוא לפני עיניו כי המאור שבה יחזירנו למוטב:

---

ט ער זאל זיך איין גיוואוינען תיכף באלד ווי ער האפט זיך אויף פון זיין שלאף זאל ער זאגין מודה אֲנִי לְפָנֶיךָ מֶלֶךְ חַי וְקַיָּם שֶׁהֶחֱזַרְתָּ בִּי נִשְׁמָתִי בְּחֶמְלָה רַבָּה אֱמוּנָתֶךָ, און ער זאל זאגין אֲפִילוּ אויף ז'ארגאן מיט א פרייליך הארץ גילויבט איז גאט וואס ער האט מיט גיגעבין די מִצְוָה פון די צִיצִית וואס איך בין ארום גירינגעלט מיט זיי, און די מצוה פון זיך וואשין נעגיל וואסער פון אין דער פריא אראפ גענומען דעם שלעכטין רוח און די שווערע קְלִיפָּה: פון מיינע צוויי הענט און ער זאל זעהן אז זיין הארץ זאל זיין פוהל מיט שִׂמְחָה ווען ער זאגט וואס ווערט אויבין גיבראכט. און ער זאל מְקַבֵּל זיין אויף זיך דעם גֶדֶר פון ווייניג רעדין וואס ווערט גיבראכט אויבין אין סימן ח':

י ער זאל זיין זייער גיהיט אין דער הַתְמָדָה צו לערנין שיעורין נאך דעם סֵדֶר תיכף באלד ווי ער שטייט אויף פון זיין שלאף און נאך זיין זאגין תִקוּן חֲצוֹת און דעם צעטיל קָטָן, זאל ער ניט אוועק גיין פון ספר וואס ער לערינט אין עם אֲפִילוּ איין שָׁעָה, און יעדערס מאל וואס ער זעצט זיך לערנען, און נאך דעם אז ער וועט זאגין תפלת השב וואס הייבט זיך אן אָנָּא הַשֵּׁם וכו' און די תפלה פון תלמוד תורה אין שערי ציון וואס הייבט זיך אן: הנני רוצה ללמוד, זאל ער זעהן מיט זיין גאנצין כח ער זאל ניט מאכין קיין שום הֶפְסֵק אֲפִילוּ מיט איין אנדער גידאנק נאר אין דער מַחְשָׁבָה פון לערנען און די מחשבה פון צעטיל קטן וואס ס'איז פאר זיינע אויגין ווייל די ליכטיקייט פון דער תּוֹרָה וועט עם אום קערין צו גוטינס:

יא ירגיל א"ע להתפלל בכל כחו ובקול המעורר הכוונה לחדבק המחשבה לדיבור ופניו אל הכותל בתוך סידור התפלה בבוקר ובערב ולא יסתכל לצדדין מתחלת התפלה עד סופה ובחזרת הש"ץ הש"ע יעיין בסידור לענות אמן בכל כחו על כל ברכה וברכה ובשעת קריאת התורה לחטות אזנו על כל דיבור ודיבור מהקורא כקורא את המגילה ולעשות את עצמו כאלם בבית הכנסת אפילו קודם התפלה ואחריה עד הליכתו לביתו:

יב יצייר במחשבתו תמיד ובפרט בשעת קריאת הצ"ק הזה כאלו איש אחד עומד סמוך לו ומעורר אותו בקול רעש גדול לקיים כל הנהגות אלו ואל יפיל שום דבר ארצה אפילו נקודה קטנה וכשירגיל עצמו כך אזי במשך בזמן יבא עליו התעוררות גדול מצד נשמתו רשפי אש שלהבת י"ה:

יג לספר בכל פעם לפני המורה לו דרך השם ואפי' לפני חבר נאמן כל המחשבות והרהורים רעים אשר הם נגד תוה"ק אשר היצה"ר מעלה

---

יא ער זאל זיך איין געוואהנען צו דאווענען מיט זיין גאנצין כח און מיט א קול וייל דער קול דער וועקט די כוונה צו ביי העפטין די מחשבה צו דעם דיבור, און זיין פנים זאל ער האלטין צום וואנט און קוקין אין סידור התפלה אין דער פריא און פאר נאכט, און ער זאל זיך ניט ארום קוקין אין די זייטין פון אנפאנג דאווענען ביז'ן סוף און ווען דער ש"ץ זאגט די הויכע שמונה עשרה זאל ער אריין קוקין אין סידור, און זאל ענטפערין אמן מיט זיין גאנצין כח אויף יעדער ברכה און ברכה, און בא קריאת התורה זאל ער צו הערין יעדין דבור און דבור פון דעם בעל קורא גלייך ווי ער וואלט געלייענט די מגילה, און ער זאל זיך מאכען גלייך ווי א שטומער און דער צייט ווען ער איז אין שוהל אפילו פארין דאווענען און נאכ'ן דאווענען ביז ער גייט צו זיך אין שטוב:

יב ער זאל שטענדיג פארשטעלין בא זיך אין געדאנק ובפרט בשעת ער לייענט דעם דאזיגין צעטיל קטן גלייך ווי א מענטש שטייט לעבין עם און וועקט עם מיט א שטארקען קול א גרויסען, מקיים צו זיין די אלע הנהגות ער זאל ניט לאזין פעלין קיין זאך דערפין אפילו א קליינע נקודה, און ווען ער וועט זיך אזוי איינגעוויינען דענסמאל וועט אין א צייט ארום קומען אויף איהם א גרויסע התעוררות אויף זיין נשמה פייערדיגע פונקען מיט א געטליכען פלאם:

יג ער זאל דער ציילין יעדין מאהל פאר דעם וואס לערינט עם דעם דרך השם אפילו פאר א באגלייבטין חבר אלע מחשבות און שלעכטע געדאנקען

אותן על מותו ולבו חן כשעת תורה ותפלה חן בשכבו על מטתו והן באמצע היום ולא יעלים שום דבר מחמת הבושה ונמצא ע"י סיפור הדברים שמוציא מכח אל הפועל משבר את כח היצה"ר שלא יוכל להתגבר עליו כ"כ בפעם אחרת חוץ עצה הטובה אשר יוכל לקבל מחבירו שהוא דרך השם והוא סגולה נפלאה:

יד יזהר מאוד ומאוד לחזור לפעמים בכל מעת לעת זה הצעטיל קטן ויפרש כל תיבה ותיבה בלשון אשכנז וזה יהיה לו חוק ולא יעבור מללמוד קודם הזיוג פרק ט"ז בר"ח והנהגות האר"י ז"ל ואם ישאר לו פנאי ילמוד גם פרק י"ז מר"ח הנ"ל וזה יהי' לו חוק ולא יעבור:

טו קודם נט"י לאכילה יאמר תפלת השב של רבינו יונה ז"ל*) ואחר אכילת המוציא יאמר בזה הלשון לשם יחוד קודשא בריך הוא ושכינתיה אין אני אוכל

*) וזהו תפלת השב לרבינו יונה ז"ל

אנא ה' חטאתי עויתי פשעתי כזאת וכזאת עשיתי מיום היותי על האדמה עד היום הזה [ויפרט בינו לבין קונו את החטאים הגדולים שלו אשר

וואס זענען געגין אונזער הייליגע תורה, וואס דער יצר הרע ברייננט זיי אויף אין זיינע גידאנקען אויך אין זיין הארץ סיי ווען ער לערינט אדער ער דאווינט סיי ווען ער ליגט אין בעט, אין סיי אין מיט'ן טאג, אין ער זאל ניט פארהאלין קיין זאך מחמת בושה, ווייל דורך דעם וואס ער דער צייילט זיין חבר אין ניט עם איבער מכח אל הפועל צו ברעכט ער דעם כח פון יצר הרע, ער זאל זיך ניט קענען שטארקען אויף איהם אזוי פיהל נאך א מאהל, חוץ פון דער גיטער עצה וואס ער וועט קענען מקבל זיין פון זיין חבר וואס דאס איז דער דרך השם אין דאס איז א וואונדערליבע סגולה:

יד ער זאל זיין זייער גיהיט צו איבער חאזערין א פאהר מאהל אין מעת־לעת דעם „צעטיל קטן" אין זאל פאר טייטשין יעדעם ווארט אויף ז'ארגאן, אין דאס זאל זיין ביי עם א חק ולא יעבור וואס ער זאל דאס ניט איבער גיין צו לערנען פאר'ן זיווג פרק ט"ז אין דעם ר"ח און די הנהגות פון האר"י ז"ל אין אויב עם וועט אים איבער בלייבען צייט זאל ער לערנען דעם פרק י"ז פון דעם ר"ח הנ"ל און דאס זאל עם זיין א חק ולא יעבור:

טו איידער ער וואשט זיך די הענד צום עסין זאל ער זאגין תפלת השב פון רבינו יונה ז"ל, נאכין עסין די המוציא זאל ער זאגין מיט דעם לשון לשם

יחוד

לחנאת גופי ת״ז רק שיהי׳ גופי בריא וחזק לעבודתו ית״ש ואל יעכב שום חטא ועון והרהור רע ותענוג גשמי את היחוד קובה״ו על ידי ניצוצות קדושות של האכילה והשתיה הזה ויכוין כשהוא אוכל דבר מה או שותה דבר מה שהטעם שהוא מרגיש בפיו בשעת לעיסה ובשעת גמיעה היא פנימיות הקדושה וניצוצות הקדושה השורה במאכל או במשקה ההוא וע״י האכילה והטחינה בשינים והאצטומכא נברר הפנימיות מהמאכל שלא יעשה מותר להשפיע לחיצוני׳ ואז נפשו נהנית מהפנימיות והפסולת נעשה מותרות

בזכרונו ועתה נשאני לבי ונדבה אותי רוחי לשוב אליך באמת ובלב שלם בכל לבי ומאודי ונפשי, להיות מודה ועוזב ולהשליך מעלי כל פשעי, ולעשות לי לב חדש ורוח חדשה, ולהיות זהיר וזריז ביראתך, ועתה ה׳ אלקי הפותח יד לתשובה מסייע לבאים לטהר פתח ידך וקבלני בתשובה שלימה לפניך וסייעני להתחזק ביראתך ועזרני נגד השטן הנלחם בי בתחבולות ומבקש נפשי להמיתני לבלתי ימשול בי ותרחיקהו מרמ״ח אברים שבי ותשליכהו במצולות ים ותגער בו לבלתי יעמוד על ימיני לשטני, ועשית את אשר אלך בחוקיך, והסירות את לב האבן מקרבי ונתתי לי לב בשר, אנא ה׳ אלקי שמע אל תפלת עבדך ואל תחנוניו וקבל תשובתי, ואל יעכב שום חטא ועון את תפלתי ותשובתי, ויהיו לפני כסא כבודך מליצי יושר להמליץ בעדי להכניס תפלתי לפניך ואם בחטאי הרבים ועצומים אין לי מליץ יושר חתור לי אתה מתחת כסא כבודך וקבל תשובתי ולא אשיב ריקם מלפניך כי אתה שומע תפלה ברוך אתה שומע תפלה:

יחוד קודשא בריך הוא ושכינתיה: איך עס ניט פון וועגן די הנאה פון מיין גוף ח״ו נאר צוליב דעם מיין גוף זאל זיין געזונד און שטארק צו דינען דעם אויבער; און קיין חטא און זינד אדער שלעכטער געדאנק אדער דעם תענוג גשמי זאל ניט מעכב זיין דעם יחוד קובה״ו דורך די הייליגע ניצוצות פון דער אכילה ושתיה; און ער זאל אין זינען האבין אז ווען ער עסט עפעס אדער ער טרינקט א משקה, אז דעם טעם וואס ער איז מרגיש אין זיין מויל ווען ער ציקייט אדער ווען ער זופט די משקה אז דאס איז די פנימיות פון דער קדושה און די ניצוצות פון דער קדושה וואס עס רוהט אין מאכל אדער אין דער משקה, און דורך דעם עסין און דעם צעמאלין מיט די ציין און דעם מאגין ווערט אויס געקליבין די פנימיות פון דעם מאכל אז די פנימיות זאל ניט גיין צו די חצונים און זיין נשמה האט הנאה פון די פנימיות און די פסולת ווערט

מותרות

ונדחח אל החיצונים ויקבל אז במחשבתו שתיכף ומיד כשירגיש שיצטרך לנקביו לא ישהה את הפסולת בקרבו לטמא ח״ו את מוחו ולשקץ את נפשו להשהות את הצואה והשתן בקרבו אפילו רגע א׳. וגם יצייר לפניו בשעת אכילה האותיות מ א כ ״ ל בכתב אשורית ויהרהר שעולה צ״א כמנין הויה בשילוב אדני:

טז האדם לא נברא בעולם רק לשבר את הטבע לכן יזרז א״ע לתקן מדותיו בשנת י״ח דוקא כמו שאבאר כגון מי שנולד בטבע של עקשנות ישבר את טבעו מ׳ יום רצופים לעשות דוקא לחיפך ממה שיעלה במחשבתו וכן מי שבטבע עצל ירגיל את עצמו מ׳ יום רצופים לעשות כל דבר בזריזות הן בהולך לשכוב על מטתו הן לקום בבוקר ממשכבו הן בזריזות לבישת בגדים ונט״י ולנקות את גופו ולילך בזריזות לבהכ״נ תיכף אחר קומו מהספר וכיוצא בהן וכי מי שטבעו ביישן מחחלק של בושה רעה ירגיל את עצמו מ׳ יום לחתפלל דוקא בקול רם וכח תנועת אבריו ולקיים כל עצמותי

---

מותרות אין עס ווערט נדחה צו די חצונים. אין ער זאל מקבל זיין בא זיך אין גידאנק תיכף ווי ער ווט שפירין אז ער דארף ארוס גיין נקיות זאל ער ניט האלטין די פסולת אין זיך צו מטמא זיין דם מוח ח״ו אין פאר מיעסין זיין נפש ח״ו צו האלטין אין זיך די צואה אפילו איין מינוט. אויך זאל ער זיך פאר שטעלין ווען ער עסט די אותיות מאכ״ל אין כתב אשורית אין ער זאל טראכטין אז מאכל באטרעפט אייגע נייגציג כמנין הויה בשילוב אדנ״י:

טז דער מענטש איז ניט באשאפין גיווארין אויף דער וועלט נאר פון וועגין צו ברעכין די נאטור דער איבער זאל ער זיך מזרז זיין צו פאריכטין זיינע מדות אין דעם אכצעטין יאהר דוקא אזוי ווי איך וועל מבאר זיין; דהיינו דער וואס איז גיבארין גיווארין מיט א נאטור פון עקשנות זאל ער ברעכין זיין נאטור פערציג טעג דורך אנאנד פונקט פאר קערט ווי עס קומט עס אויף אין זיין גידאנק אין די זעלבע זאך ווען זיין נאטור איז א פוילער זאל ער פערציג טעג דורך אנאנד טאהן יעדען זאך מיט זריזות סיי ווען ער גייט זיך לייגין שלאפין אויף זיין בעט אין סיי ווען ער שטייט אויף אין דער פריא פון זיין גילעגער זאל ער זיך אויף גיך אן טאהן די קליידער אין זיך וואשין די הענט און ריינקען זיין גוף אין גיין אויף גיך אין שוהל ווי ער גייט אוועק פון ספר, אין דעם גלייכען ווען זיין נאטור איז צו זיין א שעמיוודיקער צו יודישקייט זאל

תאמרנה ולברך על התורה בקול רם עד שיעזרוהו מן השמים לחסור הבושה הרעה ממנו וכן מי שאמרי פיו אינם עולים יפה ומסודר מחמת הרגל טבעו וכלי הדבור שלו ירגיל את עצמו מי יום לחטות אזנו להדיבורים היוצאים מאליו הן במילי דעלמא והן במילי דשמיא הן בשעת לימוד כי הרגל של כל דבר נעשה שלטון וכן מי שטבעו אינו מתמיד בלימודו ירגיל את עצמו גם כן מי יום וילמוד יותר מהרגל שלו ויסתכל בכל פעם קודם הלימוד בצעטיל קטן שלי ומשם ואילך מן השמים יעזרוהו לחיות מוסיף והולך בשבירת מדות הרעות עד תומם:

יז בכל עת שהוא פנוי מהתורה ומהתפלה ילמוד את עצמו בעל פה דברים הצריכים לו כגון תיקון רחל ותיקון לאה ותפלת השב וברכת לבנה ובריך שמיה ועל הכל ומודים דרבנן ויהרהר במצות עשה של ונקדשתי וכו׳ כבתוב לעיל. כ״ז מצאתי בב״י:

---

ער זיך געוויינען דווקא פערציג טעג דאווענען הויך מיט כח מיט זיינע אלע אברים און זאל מקיים זיין כל עצמותי תאמרנה דאס הייסט אלע מיינע ביינער טוען זאגען מיט כח די שבחים און לויבענישן צו השי״ת און מאכען די ברכה ביי די תורה מיט א הויך קול ביז מען וועט עם העלפען פון הימעל ס׳זאל זיך פון עם אפ טוען דאס שלעכטי שעמעכטס. און דעסט גלייכען אז זיין זאגען מיט זיין מויל איז נישט פערעכט מחמת זיין טבע און זיין געוויינהייט מיט זיינע כלי הדיבור, זאל ער זיך געוויינען פערציג טאג ער זאל צו נייגען די אויערן צום ווארט ער זאל וויסען וואס ער זאגט סיי ביי דאווענען סיי ביי לערנען און דעסט גלייכען ביי לערנען אויב ער איז נישט קיין מתמיד אין לערנען זאל ער זיך אויך געוויינען פערציג טאג אין זאל לערנען מיין פון זיין געוואנהייט. און יעדעס מאהל פאר זיין לערנען זאל ער אריין קוקען אין דעם צעטיל קטן און ווייטער וועט מען שוין ענטפערין פון הימעל אז ער זאל צו ברעכען פון זיך די מידות רעות ביז גאר:

יז בכל עת אין יעדערע צייט וואס ער איז ליידיג פון תורה אין תפלה זאל ער זיך לערנען זאגען פון אויסען וויניג די נייטיגע ענינים דהיינו תיקון רחל. ותיקון לאה, ותפילת השב לרבינו יונה הנ״ל, וברכת קידוש לבנה, ובריך שמי, ועל הכל, ומודים דרבנן, אין זאל אין זינען האבען די מצוה ונקדשתי בתוך בני ישראל אזוי ווי אויבען שטייט געשריבען אין אות א׳ ב׳:

## הנהגות האדם

מאא״ז איש אלקי קדוש עליון רבינו הקדוש הרבי ר׳ אלימלך זצוקללה״ה

### אלה הדברים אשר יעשה אותם האדם וחי בהם.

עח) **א** הראשון צריך האדם ללמוד גמרא ופירש״י ותוס׳ ומפרשים כל אחד לפי השגתו והפוסקים אחריהם ומתחלה ילמוד ש״ע א״ח וצריך להתפלל להשי״ת שיבא על האמת כי חטאת נעורים של האדם מסמין עיניו שלא יראה אף שיכול לפלפל ולהגיד לאחרים דינו אבל הוא בעצמו שוכח ולא מקיימם באמת לכן צריך האדם להתחרט מאד על עונותיו ולהתבודד עצמו קודם אור היום שאז עת רצון לבכות על גלות השכינה פעמים הרבה עד אין חקר ויבכה בדמעות וגם ביום לפעמים יתבודד ואז יראה בעצמו שעמדו עונותיו נגד עיניו. ויזכור את חטאתיו ועונותיו ופשעיו כהרים וגבעות אשר מעולם לא זכר אותם אם עשה ככה. ככה יעשה לא פעם ולא שתים

---

נועם הנהגות האדם אלימלך

מאא״ז הרב הקדוש איש אלקי המפורסם מו״ה אלימלך זצללה״ה

### אֵלֶה הַדְּבָרִים דָאס אִיז דִי דָאזִיגֶע זַאכֶען וָואס דֶער מֶענְטְש זָאל זִיי טָאהְן אַז עֶר זָאל הָאבִּין אַ גוּטְ׳ן אֵייבִּיגֶען לֶעבִּין.

חע) **א** דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ דַארְף אַ מֶענְשְׁט לֶערְנֶען גמרא מִיט רש״י מִיט תּוֹסְפוֹת מִיט מְפוֹרְשִׁים יֶעדֶער אֵיינֶער וִוי פִיהְל עֶר קֶען, אִין דֶער נָאךְ זָאל עֶר לֶערְנֶען פּוֹסְקִים נָאר פְרִיעֶר זָאל עֶר לֶערְנֶען שלחן ערוך אורח חיים אִין עֶר דַארְף מִתְפַּלֵל זַיין צוּ השי״ת עֶר זָאל אַרוֹיף קוּמֶען אוֹיף דֶעם אֶמֶת וַוייל דִי זִינְד פוּן דֶער יוּגֶענְד פַארְבְּלֶענְדִין עֶם זַיינֶע אוֹיגִין עֶר זָאל נִיט זֶעהְן, הָאטְשׁ עֶר קֶען זִיךְ מפלפל זיין אִין זאגין זיין חבר דֶעם דִין, אָבֶער עֶר אַלֵיין פַאר גֶעסְט אִין עֶר אִיז נִיט מְקַיֵים בְּאֶמֶת, דֶער אִיבֶּער דַארְף דֶער מֶענְטְשׁ זֵייעֶר חֲרָטָה הָאבֶּען אוֹיף זַיינֶע זִינְד, אוּן עֶר זָאל זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין אֵיידֶער עֶס וֶוערְט טָאג, וַוייל דֶענְסְמָאל, אִיז אַ עֵת רָצוֹן צוּ וֵויינֶען אוֹיף דֶעם גָלוּת פוּן דֶער שְׁכִינָה פִיהְל מָאהְל אָן אַ שִׁיעוּר, אִין עֶר זָאל וֵויינֶען מִיט טְרֶערִין, אוֹיךְ בַּא טָאג זָאל עֶר זִיךְ מתבודד זַיין וֶועט עֶר זֶעהְן אַז זַיינֶע זִינְד שְׁטֵייעֶן פַאר זַיינֶע אוֹיגִין, דַאן וֶועט עֶר גִידֶענְקֶען זַיינֶע חַטָאִים וַעֲוֹנוֹת וּפְשָׁעִים וָואס זֶענֶען וִוי דִי גְרוֹיסֶע בֶּערְג, וָואס עֶר וָואלְט זֵיי קֵיין מָאהְל נִיט גִידֶענְקְט אוֹיב עֶר הָאט אַזוֹי גִיטָאן; אַזוֹי זָאל עֶר טָאהְן נִיט אֵיין מָאהְל אִין נִיט צְווֵיי מָאהְל אִין נִיט הוּנְדֶערְט מָאהְל, בִּיז מֶען וֶועט זִיךְ מְרַחֵם זַיין אוֹיף אִיהְם פוּן הִימֶעל אוּן עֶר זָאל מתפלל

זיין

ולא מאה פעמים עד אשר ירחמו עליו מן השמים ויתפלל להש"י שידריכהו בדרך ויורהו דרכו שלא יבלה חייו ואז חש"י ברחמיו וברוב חסדיו יאיר עיניו באור תורתו הקדושה ויבין וישכיל תוכן הדבר לעשותו ולקיימו:

ב אלה הדברים צריך ליזהר מחנופה ומשקרים ולצנות ולה"ר וקנאות ושנאה ותחרות וכעס וגאוה ומלהסתכל בנשים ומלהרבות שיחה עם אשה אפילו עם אשתו אמרו כו' ובפרט בעת נדתה צריך הרחקה:

ג ויזכור תמיד יום המיתה וכשילמוד גמרא או שאר ספרים לא יפסיק שלא יעבור על דברי חז"ל שדרשו על הקוטפים כו'. ויתפלל להשי"ת שילמוד תורה לשמה:

ד ויעסוק באימה וביראה באיזו ספרי מוסר בכל יום בר"ח ושל"ה וח"ה:

ה ולפעמים ילמוד באימה במעט איזה כתבים מהאר"י זצלל"ה וכ"ז באימה

---

זיין צו השי"ת ער זאל אם מדריך זיין און זאל אם ווייזען דעם וועג אז ער זאל ניט לידיג פאר ברייגגען זיין לעבין, דאן וועט דער עוויגער מיט זיין רחמנות מיט זיינע פילע חסדים דער לייכטען אם זיינע אויגין, אין די ליכטייקייט פון דער הייליגער תורה אז ער זאל פאר שטיין דעם עיקר פון דער זאך צו טאהן און מקיים צו זיין:

ב די דאזיגע זאכין; וואס ער דארף זיך היטין פון חנפינען, פון ליגען זאגען, און פון ליצנות לשון הרע, קנאה, שנאה, אדער צו רייצין זיך מיט זיין חבר אדער ווערין אין כעס, אדער אין גאות ח"ו. אויך זאל ער ניט קוקען אויך זאל ער ניט קוקען אויף ווייבער. און זאל ניט פיהל רעדין מיט ווייבער אפילו מיט זיין אייגענע פרוי כל שכן מיט א פרעמדע, ובפרט ווען זי איז א נדה זאל ער זיך דער ווייטערין פון איהר:

ג שטענדיג זאל ער גידענקען דען יום המיתה, און ווען ער לערנט גמרא אדער אנדערע ספרים זאל ער ניט מפסיק זיין ער זאל ניט עובר זיין אויף די דברי חז"ל וואס האבין גידארשנט אויף דעם פסוק הקוטפים מלוח עלי שיח וכו' (חגיגה י"ב) און ער זאל מתפלל זיין צו השי"ת אז ער זאל לערנין תורה לשמה:

ד ער זאל עוסק זיין באימה וביראה אין איינגע ספרי מוסר יעדין טאג בר"ח ושל"ה וח"ה:

ה טייל מאהל זאל ער לערנין מיט אימה ווייניג עכ"פ איינינע כתבים פון דעם האר"י זצלל"ה אין דאס אלעס זאל זיין מיט אימה ויראה, און מיט פארכט

וביראה ופחד ה'. בדורות הראשונים היו נשמותיהם נשמות קדושות והיו נשמרים מנעוריהם מכל חטא ועון והיו נשמותיהם ראוים ומסוגלים ללמוד חכמה זאת אבל עתה בעו"ה שיש לנו גוף עכור וחומר עב צריך האדם לזכך ולכבס עצמו מכל חטא ולזכך נשמתו ויבין האדם אם זכך נשמתו באשר אין יצה"ר מסיתו לשטות והבלים כאשר בתחלה ואז יוכל ללמוד בכל פעם הכתבים והשי"ת יזכהו אם יזכך מחשבתו בקדושה באמת ובתמים שיפתח לו שערי החכמה בכתבי האריי זללה"ה אשר לא כן ב"ז שמלובש בתאות גופנית בהבלי זמן שהלימוד קשה לו מאד ח"ו:

ו צריך האדם לזכך גופו ונפשו בלימוד כנ"ל בלמוד הגמ' ותוס' גם דברי אגדה שבגמ' המה מסוגלים מאד לזכך נשמתו:

ז וישמור עצמו מעבירות ומהרהורים רעים בכל אופן ואופן:

---

פאר גאט, אין די ערשטע דורות איז גיוועזן זייערע נשמות הייליג, און זייא זענען גיוועזן אפ גיהיט פון דער יוגענד פון א זינד. איז זייערע נשמות זענען גיוועזן ראוי און מסוגל צו לערנין די חכמה פון קבלה אבער בא היינטיגע דורות בעוונותינו הרבים וואס מיר האבען פאר דארבינע גופים און א גראבין קערפער בארף זיך דער מענטש לייטערין און זיך ריינקין און אויסוואשין זיך פון זיינע חטאים און צו מאכין לויטער די נשמה, דאן וועט ער וויסען אויב זיינע נשמה איז לויטער? אז דער יצר הרע וועט עם ניט אן רעדין צו שטותים והבלים, אזוי ווי פריער, דאן וועט ער קענען לערנין אלע מאהל די כתבים און דער עוויגער וועט איהם מזכה זיין אויב ער וועט לייטערין זיין מחשבה מיט קדושה, מיט גירעכטיגקייט מיט תמימות וועט איהם דער עוויגער עפינען די טויערין פון דער חכמה אין די כתבים פון דעם האריי זללה"ה, דען דאס אלעם קען ניט זיין כל זמן ער איז באגלייט מיט די תאוות גופניות און די נארישקייטין פון דעם עולם הזה, וואס דער לימוד קען נאך עהם שאטין ח"ו:

ו דער מענטש בארף לייטערין זיין גוף און זיין נשמה מיט דעם לערנין גמרא מיט תוספות ווי ס'ווערט אויבין גיבראכט, אויך די דברי אגדה פון דער גמרא וואס דאס איז זייער מסוגל צו לייטערין זיין נשמה:

ז ער זאל זיך אפ היטין פון עבירות און פון שלעכטע מחשבות מען זאל זיי ניט צו לאזין ח"ו בשום אופן:

ח וישמור עצמו מלשנוא שום אדם מישראל כ״א הרשעים שנודעים לו בבירור שאי אפשר לדונם לכף זכות וכל שאפשר לדונם לזכות מחויב לאהוב בנפשו בכל מאודו בגופו ובנפשו לקיים ואהבת לרעך כמוך:

ט וישמור את עצמו מלדבר שום דבור קודם התפלה אפי׳ דבר אחד כי זה מבטל כוונות התפלה:

י ויזהר לנקות את עצמו קודם התפלה וקודם סעודה גם בכל פעם שצריך לנקביו שלא להשהות ויעבור על בל תשקצו:

יא ויזהר שיהיו בגדיו הכתונת ומכנסים מנוקים מלכלוך וצואה וש״ז ח״ו:

יב לא יטיל אימה יתירה בתוך ביתו ולא יקפיד שום הקפדה בתוך ביתו ואם יהיה לו שום הקפדה על שום אדם או על דבר אחד יזכור מיד חטאת נעוריו ויאמר בלבו אין זה כי אם עונותי הביאוני לידי הקפדה זו וכן בכל דבר יזכור מיד חטאותיו וע״ז יכנע ויושבר כח היצה״ר:

---

ח ער זאל זיך אפ היטין פון צו פיינט האבען קיין שום יוד ח״ו נאר סיידין די וואס וועגען איהם בא וואסט פאר גיוויסע רשעים וואס מען קען זיי ניט דן זיין לכף זכות. אבער וואס מען קען איהם דן זיין לכף זכות. איז ער עם מחויב צו ליבין זוי ווי זיך אליין מיט זיין גאנצין פאר מעגינס. מיטין גוף מיט דער נשמה צו מקיים זיין דעם פסוק ואהבת לרעך כמוך:

ט ער זאל זיך אפ היטין פון צו רעדין קיין שום דבור פארין דאווענען אפילו איין דיבור, ווייל דאס איז מבטל די כוונות פון דאווענען:

י ער זאל זיין גיהיט צו גיין נקיות פארין דאווענען אין פארין עסין אין אלע צייטין ווען ער דארף ארויס גיין זאל ער זיך ניט איין האלטין פון נקיות אז ער זאל ניט עובר זיין אויף דעם לאו פון בל תשקצו:

יא ער זאל זיין גיהיט. אז זיינע קליידער די העמד און די הויזין זאלין זיין ריין פון שמוץ, אדער צואה וש״ז ח״ו:

יב ער זאל ניט ווארפין א גרויסע אימה אין זיין שטוב. און זאל ניט מקפיד זיין קיין שום הקפדה אין זיין שטוב. און אויב ער וועט עפעס האבין א הקפדה אויף א מענטשין אדער אויף אזוי א זאך זאל ער זיך דער מאנען זיינע זינד פון דער יוגענד, און זאל זיך טראכטין אין הארצין, אז נאר זיינע זינד האבין עם גיבראכט צו דער הקפדה, און אזוי אין יעדין זאך, זאל ער זיך תיכף דערמאנען אין זיינע זינד. און דורך דעם וועט ער קריגין א צובראכין הארץ און ער וועט צו ברעכין דעם כח פון יצר הרע:

יג ויתפלל להשי"ת שיעזרהו לעשות תשובה שלימה ושלא ימות בלא תשובה ויכלול את עצמו בתוך שאר בית שיעזרו שיעשה תשובה שלימה ויתפלל על מחילת עונותיו בכלל מחילת עונות ב"י:

יד ויהיו דבריו בנחת עם בני אדם ואם משבחין אותו ילך בזויות ויצטער את עצמו ויאמר מה זה משבחין אותי ואין בי אלו היו מכירין בשפלותי ושטותי ומעללי ומעשי הרעים ואיך אשא פני לפני הבורא ית"ש שהוא יודע ורואה מעשי בכל עת ורגע אעפ"כ הוא מרחם עלי בכל דברי:

טו ידמה בעיניו כאלו אדם עומד לנגדו תמיד ולא ירף ממנו השגחתו במעשיו תמיד ואלו היה רואה בו דבר מכוער היה מתבייש ונמאס בעיניו והיה מטמין את עצמו באמתחת עכבר מגודל הבושה על אחת כמה וכמה ית' שמו עומד עליו ורואה במעשיו בכל עת וכל רגע ובלתי אפשר להטמין עצמו ממנו כמ"ש אם יסתר כמ"ש בא"ת:

---

יג ער זאל מתפלל זיין צו השי"ת ער זאל עם העלפין צו טאהן תשובה שלימה, אין אז ער זאל ניט שטארבען אן תשובה אין ער זאל זיך כולל זיין אין דעם כלל פון אלע בעלי-תשובה אז השי"ת זאל עם העלפין אז ער זאל זוכה זיין צו טאהן א תשובה שלמה, אין ער זאל מתפלל זיין אויף זיינע זינד אז מען זאל עם מוחל זיין בכלל מחילת עונות פון אלע יודין:

יד זיינע רייד מיט יעדין מענטשין זאל זיין בנחת, אין אויב מען לויבט עם זאל ער אוועג גיין אין א ווינקיל, אין זאל זיך מצטער זיין און זאל זיך טראכטין, פאר וואס לויבט מען מיך ווען איך בין דאס ניט ווערד, ווען זיי וואלטין מיך גיקענט אין מיין שפלות, אין מיינע נארישקייטין, אין מיינע שלעכטע מעשים ווי אזוי וועל איך אויף הויבען מיין פנים פאר דעם בורא יתברך שמו, וואס ער ווייס אין ער זעט מיינע מעשים צו יעדין צייט איז מינוט, פון דעסט וועגין איז ער זיך מרחם אויף מיר אין אלע מיינע ענינים:

טו ער זאל זיך פאר שטעלין, גלייך ווי א מענש שטייט שטענדיג אנטקעגין עם, אין נעמט ניט אראפ זיין השגחה פון איהם אויף זיינע מעשים, אין ווען ער וואלט גיזעהן אין איהם א שלעכטי מדה וואלט ער זיך גישעמט אין וואלט נמאס גיווארין בא זיך אין די אויגען, און וואלט זיך בא האלטין, אין א ווינקיל פון א עכבר, פון גרויס שאנדע, מכל שכן אז השי"ת שטייט איבער עם איז זעט זיינע מעשים צו יעדען צייט, אין צו יעדער רגע וואס מען קען זיך פון

טז אם יגנה אותו שום אדם ישמח מאד שהקרה ה' לפניו איש כזה שמתגנה במעשיו המכוערים וכל אדם יהיה בעיניו טוב ממנו:

יז ירחיק את עצמו מכל דבר שאין בו צורך לתכלית בריאת גופו לעבודת השי"ת הן באכילה ושתיה הן בכל תאות והנאות:

יח ועיקר שישמור את עצמו ממשקה המשכרו כי זה חולי רע ומביא את האדם לשפלות גדול כמאמר התנא לא תרוי ולא תחטא:

יט וישמור מלהזכיר שם לבטלה:

כ וישמור עצמו מלדבר ומלחשוב שום דבר קדושה במקום מטונף כי היצר הרע מתגבר דוקא להזכיר דבר קדושה במקום מטונף:

כא וישמור עצמו מלדבר בבית הכנסת הקדוש אף דברי מוסר שלא יומשך מתוך כך לדבר בטל:

## רתושלב"ע

איהם ניט באהאלטין, אזוי ווי ס'שטייט אין פסוק אם יסתר איש במסתרים ואני לא אראנו נאום ה'. אזוי ווי דער רמ"א שרייבט אין או"ח סי' א':

טז אויב א מענטש וועט איהם פאר שעמען זאל ער זיך זייער פרייען וואס דער עווינער האט איהם צו גישיקט א מענטשין, אז ער זאל פאר שעמט ווערין פאר זיינע מיאסע מעשים. אין יעדער מענטש זאל זיין בא עם אין די אויגען בעסער פון איהם:

יז ער זאל זיך דער ווייטערין פון יעדער זאך, וואס ער האט ניט אין דעם קיין באדערפעניש וועגין דעם תכלית פון זיין גיזונד, פון וועגין צו דינען השם יתברך, סיי אין עסין אדער אין טרינקען, אין סיי אין אנדערע תאוות אין הנאות זאל נאר זיין וועגין צו דינען השי"ת ויתעלה:

יח דער עיקר איז אז ער זאל זיך אפ היטין פון א משקה וואס מאכט שכור, ווייל דאס איז א שלעכטע קרענק אין דאס ברענגט דעם מענטשין ער זאל ווערין זייער נידעריג, ווי דער תנא זאגט: לא תרוי ולא תחטא, דער פשט פון דעם איז זאלסט זיך ניט אן שיכורין וועסטו ניט זינדיגען:

יט ער זאל זיך היטין אז ער זאל ניט דער מאנען דעם שם לבטלה:

כ ער זאל זיך היטין פון צו רעדין אדער צו טראכטען קיין היילגע זאך אין א אומריינעם ארט ווייל דער יצר הרע שטארקט זיך דווקא אז מען זאל דער מאנען היילגע ווערטער אין א אומריינעם ארט:

כא ער זאל זיך היטין צו רעדין אין א שוהל אפילו דברי מוסר, ווייל טאמער וועט ער זיך פארעדין אין וועט קומען צו רעדין דברים בטלים:

תם ונשלם שבח לאל בורא עולם